# גליון השבוע

**פרשת וירא**

**כתה ד'**

**ישיבה תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר**

נתייסדה ע"י כ"ק רבינו ה"ק בעל דברי יואל זצוק"ל - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בנין ישעי' זאב לעוו


**וישא עיניו וירא.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס שטייט וישא עיניו, [ער האט אויפגעהויבן זיינע אויגן]. עס וואלט גענוג געווען ווען עס שטייט נאר וירא [און ער האט געזעהן] ?

נאר מ'קען ענטפערן. ווייל אברהם אבינו האט זייער אכטונג געגעבן אויף זיינע אויגן נישט צו קוקן אויף זאכן וואס מען טאר נישט. וועגן דעם פלעגט ער שטענדיג גיין ווי אן ערליכער איד, מיט אראפ געבויגענע אויגן צו די ערד, כדי ער זאל נישט אלעס זעהן.

אבער יעצט ווען ער האט געווארט אויף געסט, וואס דאס איז א מצוה, האט ער געמוזט "אויף הייבן" זיינע אויגן און ארום קוקן.

וועגן דעם שטייט "וישא עיניו". ווייל ער האט יעצט אויפגעהויבן זיינע אויגן, וואס געווענדליך טוט ער דאס נישט.

(ראשית חכמה)

## ידיעות השבוע

די מענטשן וואס האבן געוואוינט אין סדום האבן געטוהן זעהר שלעכטע מעשים. באזונדערס האבן זיי זיך נישט שיין אויפגעפירט מיט געסט וואס פלעגן צוקומען אין די שטאדט סדום.

אז א מענטש איז געקומען אין שטאט און ער האט געוואלט גיין נאך געלט אין די הייזער, האט איהם יעדער איינער געגעבן א מטבע און ער האט אנגעצייכענט זיין אייגענעם נאמען דערויף. נאך א צייט האט ער זיך געהאט אנגעזאמעלט אסאך געלט, איז ער דאך געווען זעהר צופרידען אבער דעמאלסט האבן זיך זיינע צרות אנגעהויבן, די מענטשן פון סדום האבן זיך אנגגשמועסט אז מען וועט נישט פארקויפען קיין שום זאך פאר א פרעמדען מענטש, דער מענטש איז געגאנגען פון איין געשעפט צום צווייטען און איבעראל האט מען איהם ארויסגעווארפען מיט ליידיגע הענט. ער פלעגט זיך אזוי ארום דרייען אפאר טעג און זוכען עסן, ביז ער איז געשטארבען פון הונגער. דערנאך זענען אלע אנשי סדום געקומען און יעדער האט זיך

## וְאֶל הבקר רָץ אברהם.

די ווארט הַבָּקָר קען מען איבער דרייען אז עס זאל מאכן הַקֶבֶר.

דאס איז א רמז צו דעם וואס עס שטייט אין מדרש, אז ווען אברהם אבינו איז געגאנגען ברענגען די רינדער פאר די מלאכים איז איין רינד אנטלאפן, און אברהם אבינו איז דאס נאכגעלאפן ביז זיי זענען אנגעקומען צו דעם מערת המכפלה, דארט האט אברהם געשפירט וייער א גוטע גערויך פון גן עדן, און ער האט געזעהן אז דאס איז די קבר פון אדם הראשון מיט חוה.

האט אברהם אבינו דעמאלטס געזאגט "הלוואי זאל איך אויך באערדיגט ווערן דא" דאס איז מרומז אין דעם פסוק: וְאֶל [הַבָּקָר] הַקֶבֶר רָץ אַבְרָהָם. אברהם אבינו איז געלאפן צו דעם קבר.

(בעל הטורים)

## איה שרה אשתך

פארוואס האט דער מלאך געדארפט ארויסזאגן "אשתך" מ'פארשטייט אז מען רעדט פון זיין פרוי ? נאר אין פרשת לך לך שטייט אז אברהם האט מגייר געווען די מענער און שרה די פרויען, די מענער האבן זיך גערופן אברהם די פרויען שרה, די גרים האבן זיך געדרייט נעבן אברהם און שרה, דערפאר האבן די מלכים געדארפט זאגן שרה אשתך מיר פרעגן אויף דיין ווייב שרה נישט אויף די שרה'ס וואס דרייען זיך דא ארום,

( פניני קדם)

צוריקגענומען זיין אייגענע אנגעצייכענטע מטבע.

נאך איינע פון זייערע רשעות'דיגע גזירות איז געווען, אז א מענטש וואס שלאגט א צווייטען און מאכט איהם בלוט, דארף דער געשלאגענער צאהלן פאר דעם שלעגער. איינמאל איז אליעזר דער קנעכט פון אברהם אבינו אדורך געפאָרן די שטאדט סדום, אראפגייענדיג פון זיין פערד איז צו איהם צוגעלאפען א מענטש און איהם דערלאנגט א פראסק און בלוט האט איהם אנגעהויבן רינען פון פנים. אליעזר האט איהם באלד געשלעפט צום דיין און דערציילט וואס עס איז געשעהן. דער דיין האט געגעבן א זאג צו אליעזר, "באצאהל דעם שלעגער, ער האט דאך דיר געמאכט בלוט". ווי אליעזר האט דאס געהערט, איז ער צוגעלאפען צום דיין און איהם דערלאנגט א געזונטען זעטץ, און ער האט אויס-גערופען צום דיין יעצט דארפסטו מיר צו צאהלן, בין איך דיר מוחל און צאהל עס פאר מיין שלעגער.

נאך א תקנה האבן זיי געהאט, אז ווען איינער איז צו זיי געקומען, האט מען איהם ביינאכט געגעבן א בעט, אויב דער גאסט איז געווען צו לאנג פאר דעם בעט, האט מען איהם אפגעשניטען זיינע פיס, און אויב ער איז געוועהן צו א קורצער האט מען איהם אויסגעצויגען. ווען אליעזר איז דארט געוועהן, האבן זיי איהם געוואלט געבן א בעט ער זאל זיך דערויף לייגען, אבער אליעזר האט שוין געהאט געהערט פון זייער רשעות, האט ער זיי אפגענארט און געזאגט "פון דעם טאג וואס מיין מאמע איז געשטארבען האב איך געמאכט א נדר אז איך וועל מער נישט שלאפען אויף א בעט", האבן זיי איהם אפגעלאזט.

# מידות השבוע ~ הכנסת אורחים

וירץ לקראתם = מען זעט אז אברהם אבינו האט געהאט א שטארקע ליבשאפט צו די מצוה פון הכנסת אורחים

## דער גרויסע שכר פון הכנסת אורחים

**א)** "**ורחצו רגליכם**", ווייל אברהם אבינו האט געגעבן א קריגל וואסער פאר די געסט זיך צו וואשען די פיס, האט דער אויבערשטער געגעבן די אידן אין די מדבר פערציג יאהר דעם "באר", וואס דערפון האבן די אידן געהאט וואסער צו טרינקען פערציג יאהר.

**ב)** "**והשענו תחת העץ**", ווייל אברהם אבינו האט אליין געזעצט די געסט אונטער דעם שאטן פונעם בוים, האט דער אויבערשטער געפירט די אידן אונטער דעם שאטן פון די ענני הכבוד.

**ג)** "**ואקחה פת לחם**", ווייל אברהם אבינו האט געגעבן ברויט פאר די געסט, האט דער אויבערשטער אליין געגעבן פאר די אידן אין די מדבר פערציג יאהר "מן" צו עסען.

**ד)** "**וסעדו לבכם**", ווייל אברהם אבינו האט אויך געגעבן פאר די געסט אלע סארט מאכלים, האט דער אויבערשטער געמאכט אז די אידן זאלן שפירען אין די מן אלע מינע טעמים.

**ה)** "**ויקח בן בקר**", ווייל אברהם אבינו האט זיי געגעבן צו עסען "פלייש", האט דער אויבערשטער געגעבן פאר די אידן אין די מדבר די פייגל "שליו", זיי זאלן האבן פלייש.

## סיפור השבוע

מיט פיל יארן צוריק, האבן אין די שטאט חברון געוואוינט וויינִיג אידן, זיי האבן נישט געהאט קיין מנין, נאר אזוי ווי כסדר פלעגן קומען אידן מתפלל זיין ביים "מערות המכפלה", פלעגט מען זיי רופען כדי צו קענען דאווענען מיט מנין. די וויניג אידן פון חברון האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט מיט די מצוה פון הכנסת אורחים, אלץ ווען עס איז געקומען א גאסט האט מען זיך געקריגט, יעדער האט געוואלט נעמען דעם גאסט צו זיך, צו געבן עסן און שלאפן, און דער וואס האט זוכה געווען אינעם אורח איז געווען דער גליקליכסטער, איינמאל ערב יום כיפור נאכמיטאג, ווען עס איז שוין באלד געווארן נאכט זענען נאר געווען דארט 9 אידן, און מען זעט נישט קיין שום גאסט פאר א צענטען צו מנין, זייער צער איז געווען זייער גרויס אז מען וועט חלילה אין הייליגן טאג דאווענען אן מנין, האבן זיי זיך אויסגעשפרייט אין אלע גאסן פון שטאט אפשר וועט מען דאך טרעפן איין איד משלים זיין צו מנין, פלוצלינג האבן זיי דערזען אן אלטען איד קומען פון דערווייטענס, זענען זיי אים אקעגן געלאפן און אים אנטפאנגען מיט גרויס כבוד, מען האט אים שנעל געגעבן צו עסן די סעודה המפסקת, און תיכף דערנאך זענען זיי געגאנגען אין בית המדרש צו "כל נדרי", זייער שמחה איז געווען געוואלדיג גרויס אז זיי קענען ב"ה דאווענען מיט מנין, ווען זיי האבן אים געפרעגט וויאזוי

ו) ווייל אברהם אבינו האט ארויס באגלייט זיינע געסט פון שטוב אויף זייער וועג, האט דער אויבערשטער באגלייט די אידן פערציג יאהר אין מדבר מיט א וואלקען זויל און א פייער זויל.

(תנא דבי אלי׳)

ז) מה דאך אברהם אבינו וואס האט געגעבן צו עסען פאר מלאכים וואס דארפן נישט קיין עסען, האט דער אויבערשטער באצאלט פאר זיינע קינדער מן, באר, שליו, ענני כבוד, עמוד אש וענן, כל שכן דער וואס טוט חסד מיט איינעם וואס דארף האבען דעם חסד, איז אוודאי אז זיין שכר איז זעהר גרויס.

(ויקרא רבה ל״ד ח׳)

די גמרא דערציילט, עס האט אמאהל געטראפען אז רבי אליעזר און רבי יהושע און רבי צדוק זענען געזעסען ביי א סעודה. בשעת די סעודה האט רבן גמליאל געגעבען א כוס צו טרינקען פאר רבי אליעזר, און ער האט עס נישט געוואלט נעמען. האט רבן גמליאל געגעבען א כוס פאר רבי יהושע, און ער האט עס יא גענומען. האט רבי אליעזר געזאגט צו רבי יהושע וואס איז דאס ! מיר זיצען און רבן גמליאל שטייט און געבט אונז צו טרינקען? האט רבי יהושע געזאגט צו רבי אליעזר, מיר געפונען אז א גרעסערע פון רבן גמליאל האט אויך באדינט אורחים. אברהם אבינו איז דאך געווען דער גרעסטע פון דעם דור, און עס שטייט אין פסוק "והוא עומד עליהם" אברהם איז געשטאנען נעבען זיינע געסט און האט זיי באדינט.

זוכה געווען בגורל און האט געפירט דעם גאסט מיט גרויס שמחה צו זיך אהיים אויסצופאסטן, אינמיטן גיין אויף איינע פון די קליינע געסלעך איז דער אורח פלוצלינג פארשוואונדען געווארן, דער שמש שרייט: רבי אברהם וואו זענט איר? אבער קיינער ענטפערט נישט, ער איז שנעל געלאפן אויף אלע וועגן אים זיכן אבער אן ערפלאג, איז ער וויינעדיגערהייט געגאנגען פארציילען פאר די אנדערע אידן פון שטאט. ווי זיי האבן דאס דערהערט זיי זיי זייער דערשראקן געווארן טראכטענדיג אז דער משמש איז געגאנגען אויף א שמאלען געדרייטען וועג און די גוים האבן אים זיכער געה׳רג׳עט (ווייל חברון איז געווען א גוי׳אישע שטאט) אלע אידן האבן זיך גלייך אויפגעהויבן און געלאפן זיכן דעם גאסט אויף אלע גאסן, זיי האבן אים געזוכט א גאנצע נאכט און האבן אים נישט געטראפן. זיי האבן זיך זייער מצער געווען אבער דעם משמש׳נס צער איז געווען אומגעהויער גרויס, ביז ער איז פון גרויס צער און הונגער (וואס ער האט נאכנישט געהאט אויסגעפאסט) אריין געפאלן אין אונמאכט און איז איינגעשלאפן. פלוצלינג דערזעהט ער אין חלום דעם גאסט ווי זיין פנים שיינט ווי די זון און ער זאגט אים: זאלסט וויסן איך בין אברהם אייער טאטע וואס ליגט דא אין מערת המכפלה, איך האב גזעהן אייער צער אז עס איז נישט דא קיין מנין אויף יום הקדוש, בין איך אליין געקומען משלים זיין צו מנין, וויבאלד איר טוט זיך אויסצייכענען אין מיין מצוה פון "הכנסת אורחים" דערפאר זאל איר נישט זיין טרויעריג נאר פרייד זיך ווייל השי״ת פריידט זיך מיט אייך